בס"ד

# תורת אביגדור

## באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**ספר במדבר**

**נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל**

**וזוג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חליציהם**

## פרשת דברים

# פארוואס זענען מענטשן מקנא

**פרנס השבוע**

**שרה שיידל בת רחל דבורה**
לזיווג הגון בקרוב

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ
**נפתלי שמואל ב"ר מאיר** ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org
Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת דברים
שנה ד'

# פארוואס זענען מענטשן מקנא

**תוכן:**

חלק א. שלעכטע שכנים – חלק ב'. שכנים וואס זענען מקנא - חלק ג'. שכנים לערנערס

## חלק א. שלעכטע שכנים

### אויסגעשטעלט די היסטאריע

מיר וועלן אנהייבן דעם שיעור דורך לערנען גיאגראפיע. זיכער פארשטייט איך אז ענק זענען נישט געקומען דא אהער צו באקומען א סקול לעקציע אבער איך רעד דא פון עפעס גרעסערס פון דעם; מיר וועלן חזר'ן צוזאמען עפעס וועגן אן אויסגערעכנטע גיאגראפיע. השי"ת האט זיין אייגנארטיגע גיאגראפיע לימודים וואס איז א שאד אז מען לערנט דאס נישט אין סקול אויף דעם אופן.

וועלן מיר אריינקוקן אין די וואכעדיגע סדרה פון די פעלקער וואס דער אויבערשטער האט באזעצט ארום ארץ כנען און מיר וועלן מאכן א קורצע פרואוו עס צו חזר'ן ווי אזוי ער האט אויסגערעכנט זיין גיאגראפיע, נישט נאר וואו ער איז מסדר פעלקער נאר דו קענסט זיכער זיין אז עס וועט דיר עפענען דיין קאפ אנשטאט וואו א לערער מיט א האלצערנעם קאפ וואס מאכט סטודענטן מיט האלצערנע קעפ... מיר וועלן יעצט חזר'ן אביסל היסטאריע על פי תורה און מיר וועלן עררייכן תורה קעפ.

### די ארומיגע פעלקער

"יעצט דריי זיך אויס און מאך דיין רייזע," האט השי"ת געזאגט צו די אידן, "איך האב ענק געגעבן א לאנד קומט און ירש'נט דאס לאנד (דברים א ז-ח)" דאס איז געווען דער באפעל פון השי"ת צו די אידן ווען זיי האבן אנגעהויבן צו מאכן זייער וועג קיין ארץ ישראל.

און פארט איז נישט געווען קיין שום גראדע וועג אריינצוגיין אין דאס לאנד. ווען זיי האבן אנגעהויבן צו מאכן זייער וועג קיין ארץ כנען האט השי"ת זיי נישט געגעבן דעם פרייען אויסוואל אויסצוקלויבן וועלכע וועג זיי ווילן גיין. זיי זענען נישט ערלויבט געווארן צו פירן אליינס מלחמות מיט די דערנעבנדיגע פעלקער. יעדעס טריט זייערע האט געמוזט פונקטליך אויסגעפאלגט ווערן

לויט דעם אויסגערעכנטע השגחה, געוויסע שכנים וועלן פארשווינדן ווערן פון דער מאפע אויף שטענדיג און געוויסע וועלן בלייבן שכנים פון עם ישראל.

סיחון, דער אמורי, אינאיינעם מיט זיין קעניגרייך זענען פארניכטעט געווארן דורך די אידן. עוג מלך הבשן איז אויך פארלוירן געווארן אויף שטענדיג. דאס לאנד פון כנען איז נעלם געווארן מער נישט צו געזען און געהערט ווערן. אבער השי"ת האט ערלויבט אדום, עמון און מואב צו בלייבן אונזערע שכנים גלייך נעבן אונזער גרעניץ, אויף לאנגע יארן.

## אויסגערעכנטע גיאגראפיע

ווי נאר זיי האבן זיך דערנענטערט צום לאנד פון אדום, האט הקדוש ברוך הוא געווארנט עם ישראל צו שטיין ווייט, "ווייל א ירושה פאר עשו האב איך געגעבן דאס לאנד שעיר" (דברים ב. ה) מיר האבן זיך געקערט און אריבער די וועג פון מדבר מואב (דברים ב. ח)

אבער דארט ביי דער דבר השם שטייט: "נעם נישט איין מואב און רעכט נישט אפ מיט זיי קיין מלחמה, ווייל איך וועל אייך נישט געבן קיין ירושה פון זיין לאנד, נאר צו די קינדער פון לויט האב איך געגעבן אן ארבטייל (דברים ב. ט) און דאס זעלבע האט זיך איבערגעשפילט ביים אריבערגיין דאס לאנד פון עמון (דברים ב. י"ט).

מיר זענען שוין צוגעוואוינט צו לערנען די פסוקים פון די פרשה און מיר נעמען עס אן ווי זעלבספארשטענדליך אז די אלע קרובים אונזערע זענען באזעצט געווארן ארום אונז. אבער יעצט באמערקן מיר אז עס איז געווען אן אויסגערעכנטע פלאן דא. זיי האבן זיך נישט באזעצט דא נאר מען האט זיי באזעצט... ס'איז געווען אן אויסגערעכנטער פלאן פון השי"ת אז די פעלקער זאלן ווערן פארשווינט דורך דער ארמיי פון די אידן און זאלן בלייבן אונזערע שכנים. מיין נישט אז דאס איז געווען א צופאל. דאס איז געווען השי"ת'ס אויסגערעכנטע גיאגראפיע. מען האט זיי דארט אהינגעשטעלט.

## שלעכטע שכנים

און זיי האבן אונז שוין גלייך געלאזט וויסן אז זיי זענען דא! יעדער וואס האט געלערנט אביסל נ"ך ווייסט צו זאגן אז די שכנים זענען נישט געווען קיין שכן טוב; זיי זענען פון שטענדיג אן געווען ווי א דארן אין די זייט פאר לאנגע יארן. **כֹּה אָמַר ה׳ עַל כָּל שְׁכֵנַי הָרָעִים הַנֹּגְעִים בַּנַּחֲלָה אֲשֶׁר הִנְחַלְתִּי אֶת עַמִּי אֶת יִשְׂרָאֵל הִנְנִי נֹתְשָׁם מֵעַל אַדְמָתָם וְאֶת בֵּית יְהוּדָה אֶתּוֹשׁ מִתּוֹכָם** (ירמיהו יב, יד) אזוי זאגט דער באשעפער, אויף די שלעטכע שכנים וועלכע רירן דעם ארבטייל, וואס איך האב געגעבן פאר מיין פאלק ישראל אלס ירושה. מען רעדט דא פון די איינגעווארצלטע שונאים וואס האבן שטענדיג געפייניגט און אונטערדריקט די אידן. זיי זענען שטענדיג גערופן געווארן **שְׁכֵנַי הָרָעִים**.

אבער היינט נאכט וועלן מיר געוואר ווערן אז די שלעכטע שכנים וואס השי"ת האט באזעצט ארום אונזערע גרעניצן זענען גערופן געווארן שלעכטע שכנים פאר גאנץ אנדערע סיבות. מיר וועלן דא לערנען וואס דאס מיינט עכטע שלעכטס אבער דאס פארלאנגט אן הקדמה, דעריבער לייג צו קאפ.

## נאך א שלעכטע שכן

אין מסכת ברכות דף ח. שמועסט ריש לקיש אויס אן ענין פון איינער וואס וואוינט אין א געגענט וואו עס איז דא א שול צום דאווענען אבער ער ניצט עס נישט. "**אמר ריש לקיש כל מי שיש לו בית הכנסת בעירו ואינו נכנס שם להתפלל נקרא שכן רע** - ווער עס האט א בית הכנסת אין זיין שטאט און גייט נישט אריין ווערט ער גערופן א שלעכטע שכן" זאגן חז"ל, "באטיטל אים מיט פארשעמונג, א צייכן פון פארשוועכונג, ער איז א שלעכטער שכן."

מיר דארפן פארשטיין פון ווערמען מען רעדט דא. עס שטייט נישט אז ער דאוונט נישט - ער דאוונט נאר ער טוט דאס אינדערהיים. מיר ווייסן דאך אז פרייטאג צונאכטס זענען דא מענטשן וואס נעמען זיך דעם היתר צו דאווענען אינדערהיים; געוויסע ווילן דאס טון אויך שבת נאכמיטאג. פרייטאג צונאכטס און שבת נאכמיטאג זעט מען זיי נישט אין שול. געוויס קען מען זיי דן זיין לכף זכות; עס זענען דא נאך אסאך אנדערע שולן, אפשר זענען זיי געגאנגען דארט אבער ווייסט דאך וואס די וועלט זאגט: "ווען עס זענען פארהאן צוויי שולן גייט מען נישט צו קיין איינס..."

און זיי קלערן גארנישט אריין דערין. אנדערע באטיטלען זיך אלס ראביי - אזוי געבן זיי אריין זייער נאמען פאר דער טעלעפאן קאמפאני און אזוי קומט ארויף זייער נאמען אינעם טעלעפאן ביכל. שבת אינדערפרי באקומען זיי אן עלי' און זיי ווילן אז דער שמש זאל אויסרופן זייער נאמען, "יעמוד הרב פלוני בן פלוני..." זיי ווילן ווערן גערופן ראביי אבער זיי שטעלן זיך נישט צו צו דעם טיטל!

## אן אנדערע טיטל

קומט ריש לקיש און האט גאנץ אן אנדער טיטל פאר דעם וואס זעט זיינע שכנים אריינגיין אין ביהמ"ד שבת נאכמיטאג אבער ער מאכט צו זיינע פורהאנגען פון פענסטער אז קיינער זאל נישט באמערקן ווי ער דאוונט אינדערהיים. ריש לקיש זאגט אונז אז ער איז נישט קיין ראביי! ער איז א שכן רע. אזוי ווי די שכנים וואס האבן אונז געפייניגט פאר פיל יארן.

און ריש לקיש ברענגט דעם פסוק פון אונזער שלעכטע שכנים, מואב און אדום צו ברענגען א ראי' צו זיין נקודה. פון וואו ווייס איך אז דער שכן קומט זיך דער טיטל "רשע"? **כֹּה אָמַר ה' עַל כָּל שְׁכֵנַי הָרָעִים הַנֹּגְעִים בַּנַּחֲלָה**. אזוי זאגט דער באשעפער, אויף די שלעטכע שכנים וועלכע רירן דעם ארבטייל, וואס איך האב געגעבן פאר מיין פאלק ישראל אלס ירושה און דער נביא איז מסביר דארט דעם שטראף וואס וועט געגעבן ווערן פאר די פעלקער וואס זענען געווען אזעלכע רשעות'דיגע שכנים.

## קריגערישע שכנים

דער שאלה איז, ווען חז"ל ברענגען א פסוק צו באשטעטיגן זייער דרש פארשטייען מיר אז דאס איז נישט דער פשוטער פשט; מען רופט דאס 'דרשה' - ס'איז עפעס מער ווי דער פשוט'ער פשט. אבער עס מוז האבן א צוזאמענהאנג מיט דער פסוק; ס'טאר נישט זיין אינגאנצן פרעמד פון דער כוונה פון דער פסוק. דעריבער זענען מיר צעמישט, ווייל דער פסוק רעדט זיך נישט פון

שכנים וואס קומען נישט דאוועגען אין שול; עס רעדט זיך פון שכנים וואס שיסן מיט זייער פיילן צו אונז!

לאמיר זאגן דער ראביי - ער איז טאקע א ראביי אינעם טעלעפאן ביכל, און אז ער גייט פארביי דעם ביהמ"ד, הייבט ער אויף א שטיין, ווארפט דאס צום ביהמ"ד און צעברעכט א פענסטער. איך ווייס נישט פארוואס ער זאל דאס טון אבער לאמיר אזוי זאגן. יעדן טאג וואס ער גייט דארט פארביי הייבט ער אויף א שטיין און צעברעכט א פענסטער. יעצט איז שוין קלאר פארוואס מיר זאלן אים רופן א שלעכטער שכן. קענסט ברענגען א ראי' פון דעם פסוק אז ער ווערט נכלל אין שכני הרעים זיכער אזוי. אבער אז ער גייט פארביי און קומט נישט אריין וואס איז דער ראי' פון פסוק אז ער איז א שלעכטער שכן?

איך האף אז ענק האבן געכאפט דעם שאלה. עמון, מואב און אדום האבן אונז געפייניגט. זיי האבן אונז געשלאגן; זיי האבן אויסגעגראבן הינטערוועגן און פרובירט צו פארכאפן דאס לאנד. איינמאל און נאכאמאל האבן מיר געהאט מלחמות מיט זיי. און צומאל האבן זיי אונז ביטערליך אונטערדריקט. האט השי"ת געזאגט, "די שלעכטע שכנים וועל איך באשטראפן." אבער ווי קען מען צושטעלן דעם פסוק צו איינער וואס שעצט דעם שול נאר ער גייט נישט אריין דארט ווען אנדערע גייען יא. ווי אזוי מאכט דאס אים דער שלעכטער שכן פון דער פסוק?!

## דער מטרה פון שכנים

ווען מיר מוזן זאגן אז די שלעכטע שכנים זענען גערופן געווארן רשעים פאר גאנץ אנדערע סיבות וואס מיר מיינען. אוודאי זענען זיי געווען אונזערע שונאים וואס האבן אונז געפייניגט, זיכער אזוי, אבער א שלעכטער שכן איז מער פון דעם. א שלעכטער שכן מיינט איינער וואס וואוינט אין שכנות מיט איינעם פון וועמען ער קען זיך אפלערנען גוטס און ער טוט דאס נישט. ס'איז איינער וואס נעמט נישט ארויס דעם ריווח פון זיינס א שכן!

ווען השי"ת לייגט פיינט ארום זיינע אידן איז עס פאר א סיבה אז די פיינט זאלן זיך אפלערנען ווי אזוי מען פירט זיך אויף. דו הערסט דאס? ס'איז א געוואלדיגער חידוש וואס די גמרא לערנט אונז דא: עמון, מואב און אדום זענען פלאצירט געווארן נעבן ארץ ישראל מיט דער האפענונג אז זיי וועלן בוחר זיין צו זיין גוטע שכנים, אז עפעס גוט זאל ארויסקומען פון זיי.

## זייערע שיינע מעשיות

אין א געוויסע זין האט דאס געארבעט. מיר ווייסן אז רות קומט פון מואב, ווי אזוי איז דאס געשען? נאר ווייל מואב האט געוואוינט טיר ביי טיר. יעצט ווייסטו שוין פארוואס השי"ת האט באזעצט מואב נעבן אונזער גרעניץ, אז עס זאל זיין א רות. רות איז א רעזולטאט פון אן אויסגערעכנטע פלאן, א פלאן פון אן אויסגערעכנטע גיאגראפיע. און רות מיינט דוד המלך (ברכות ז:) דאס איז עפעס א דערגרייכונג!

דער אמת איז אז אויך פון עמון איז ארויסגעקומען א הייליגע נשמה, נעמה העמונית זי איז געווען פון די עלטערן פון מלכות בית דוד און זי איז געקומען פון עמון. דאס מיינט אז דער מלך המשיח קומט ארויס פון די צוויי פרויען, די צוויי פעלקער (בבא קמא ל"ח:) דאס איז נישט קיין

קלייניגקייט! דאס מיינט אז משיח וועט קומען צוליב די גוטע שכנים. און דער פלאן איז געווען צוריקצוברענגען פולע רות'ס און נעמה'ס נישט נאר איינע.

און ס'איז נישט קיין שאלה אז עס זענען געווען פיל מער. פון אדום איז ארויסגעקומען א גרויסע נשמה אגריפס דער ערשטער. ער איז אויפגעצויגן געווארן צווישן די גוים; ער האט געלעבט ווי א גוי אין רוים. אבער ווען דער קיסר האט אים אויפגענומען אלס קעניג פון יהודה האט ער מחליט געווען צו ווערן א תלמיד פון די חכמים. ער איז געווען אזוי פרום, אזוי הייליג, מיט אזויפיל ענוה אז ער איז געווארן באליבט ביים גאנצן פאלק. (משנה סוטה ז,ח) אויך אדום האט אריינגעכאפט כאטש איין צדיק.

## א גרויסער אחריות

אבער השי"ת איז נישט געווען צופרידן מיט דעם ווייל א גוטער שכן איז איינער וואס גיבט זיך איגנאנצן איבער! אלזא האט השי"ת געגעבן זיין אייביגן פסק, "זיי זענען שכני הרעים" און יעצט פארשטייען מיר פארוואס זיי ווערן אנגערופן שלעכטע שכנים ווייל זיי האבן נישט ארויסגעקוקט פון זייער גרעניץ צו זייער שכן. די אידן זענען געווען אויסערגעווענדליכע לייט, ס'איז געווען אסאך וואס זיך אפצולערנען פון זיי. אבער די שלעכטע שכנים האבן געהאלטן זייער אויגן פארמאכט זייער הערצער פארמאכט. דאס איז א שלעכטער שכן פון ערגסטן סארט.

דעריבער לערנט די גמרא ארויס פון דעם אז א מענטש וואס האט א גוטע שול אין זיין געגענט - מען גייט אהין צו דאווענען, הערן שיעורים, לערנען מוסר און ער גייט נישט אריין, ער קוקט נישט אויף זיינע שכנים וואס ער קען זיך אפלערנען עפעס גוטס, דאס איז א שלעכטער שכן; ערגער ווי איינער וואס ברעכט איין א פענסטער!

דער פסק פון דער תורה איז אז אויב דו ניצט נישט אויס דעם געלעגענהייט וואס השי"ת האט דיר צוגעשיקט ביסטו א שלעכטער שכן ווי עמון און מואב. דאס איז א געוואלדיגער אחריות וואס דו הערסט דא, און לאז עס נישט זיין ווי וואסער וואס גליטשט זיך אראפ פון דעם קאטשקעס רוקן...

ווען א מענטש מאכט נישט קיין ניצן פון זיינע שכנים'ס גוטע מעשים זאל ער וויסן אז ער איז ווי א דארן אין דעם געגענט. א גוטער שכן ווייסט ווי זיך אומצוקוקן וואס ער קען זיך אפלערנען פון אנדערע.

# חלק ב'. שכנים וואס זענען מקנא

## יענטא און יונתן

כדי דאס צו פארשטיין אביסל טיפער וועלן מיר זיך אריינטון אין אן ענין וואס פאדערט אונזער אויפמערקזאמקייט. ווען די ערשטע מאמע, חוה האט געבוירן א קינד דאס ערשטע מאל אין דער היסטאריע האט זי געדארפט אויסוועלן א נאמען פאר איר זון.

היינט צוטאגס ווען א מאמע גיבט א נאמען איז עס נישט אזא ערד אויפציטערניש. זי גייט פארביי א מאווי אויף קינגס הייוועי און זעעט א נאמען אויף די לעמפעלעך און דאס וועט זיין

דער נאמען פאר איר קינד, זאל עס זיין גרעיץ אדער גווענדאלין, אדער וויאזוי די "ערליכע" פרוי ווערט גערופן.

און די זעלבע איז ביי די אינגלעך, יארן צוריק, וואו אימער איך האב מיך געקערט האב איך געהערט אויסשרייען "דשזעפרי". "דשזעפרי קום", "דשזעפרי גיי", פון מיין פענסטער, אויף דער גאס, פון אלע זייטן האט מען געהערט, "דשזעפרי", "דשזעפרי", "דשזעפרי"... וואס איז געווען די מעשה? ס'איז געווען עפעס א שגץ, דשזעפרי, וואס איז ערשיינען אויף די העד ליינס אלס א שטערן און יעצט האסטו געהאט א גאנצע דור פון מאמעס וואס געבן זייערע קינדער א נאמען דשזעפרי.

להבדיל ביי אונז גייט עס צו דורך א רבי. דער טאטע קלינגט אן דעם רבי'ן און פרעגט וואספארא נאמען ער זאל געבן וואס ענדלט אין די באבע'ס נאמען. די באבע האט געהייסן יענטא, ער עפנט אויף אן אבן העזר, הלכות גיטין און קוקט ביי דער חלק פון שמות אנשים ס'דא א גאנצע רשימה פון נעמען לויט די א-ב צו וויסן פונקטליך ווי מען שרייבט א נאמען אין א גט. ער קוקט ביי אות י' און ער טרעפט עפעס, יונתן. ער קלינגט אים צוריק און ער זאגט אים דער נאמען. יונתן! און אזוי ווערט דער יונגל בעיבי גערופן.

## א נייע אויפפאסונג

אבער אין די בראשית יארן ווען א נאמען איז געגעבן געווארן האט עס געמיינט אזויפיל מער פון דעם. דער נאמען האט געמיינט עפעס; ס'איז געווען א לימוד דערביי. איבערהויפט ווען די ערשטע מאמע האט געגעבן א נאמען קענסטו זיין זיכער אז ס'האט געהאט א שטארקע געוויכט.

ווען חוה האט געבוירן א קינד צום ערשטן מאל אין דער היסטאריע איז זי קענטליך געווען איבערגליקליך. ביז דאן האט נאר השי"ת באשאפן די מענטשהייט און דא האט זי בייגעוואוינט א נס ווי זי האט געבוירן א בשר ודם גאנץ אין יעדן פרט. דעריבער האט זי אויסגערופן, "**קָנִיתִי אִישׁ אֶת ה'**" - איך האב געקויפט א מאן פאר ה'", ביז יעצט זענען געווען נאר צוויי מענטשן צו טון עבודת השם און יעצט קומען אונטער פארשטארקטע כוחות. אזוי האט די ערשטע מאמע באטראכט איר קינד, אן עבד השם, דאס איז די סיבה פארוואס זי האט אים גערופן קין.

## עטליכע סיבות

דו וועסט הערן דא היינט נאכט די טיפקייט פון דעם נאמען. אבער קודם מוזטו וויסן די פאלגענדע יסודות: ווען מען לערנט חומש און מיר טרעפן דער פסוק וואס גיבט א סיבה פארוואס א נאמען איז געגעבן געווארן מיינט נאכנישט אז עס ענדיגט זיך ביי דעם פשט. דו הערסט דאס? אפילו די תורה גיבט אן אפטייטש מיינט נישט אז ס'איז דער סוף פון די מעשה.

צב"ש, ווען לאה האט געבוירן יהודה האט זי אים אזוי גערופן ווייל זי האט געזאגט, **הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה'** - דאסמאל וועל איך לויבן השם", זי איז געווען אזוי איבערגליקליך אז זי האט געהאט נאך א זון אז זי האט אויסגערופן: "איך וועל לויבן השי"ת נאך מער ווי פריער." און דערפאר האט זי אים גערופן יהודה - ער זאל לויבן.

אבער מיר זעען אז ווען יעקב אבינו האט געבענטש זיינע קינדער האט ער געזאגט: " **יְהוּדָה אַתָּה יוֹדוּךָ אַחֶיךָ** - יהודה, דיינע ברידער וועלן דיר דערהויבן (בראשית מ"ט ח) דאס ווארט 'הוד' מיינט

אויפהייבן. זעעט מען אז יעקב אבינו האט צוגעלייגט א גאנץ אנדער פשט צום נאמען; זי האט געמיינט צו זאגן, הייבן און לויבן השי"ת און ער האט פארשטאנען דער משמעות אז יהודה וועט דערהויבן ווערן; גאנץ אן אנדער באדייט.

און דערנאך זענען אונטערגעקומען אונזערע חכמים אין מדרש שמואל און זיי האבן צוגעלייגט נאך א פשט צו דעם נאמען. יהודה מיינט, "ער וועט לויבן השי"ת", ווייל פון אים וועט ארויסקומען דוד המלך וואס וועט זאגן לויבונגען פאר השי"ת. און דאס איז פונקט וואס ס'איז טאקע געווען, די גאצע וועלט היינט זינגט די **שירי דוד עבדיך** - דאס איז אונזער גאנצע תפילה. אויך די גוים, להבדיל, זאגן 'פסאלמס' פון דוד.

## דער באדייט פון 'קין'

אלזא, דער יסוד וואס מיר דארפן פארשטיין איז אז די נעמען וואס זענען געגעבן געווארן אין די תורה איז נישט די איינציגע פשט. דעריבער פארשטייען מיר אז עס איז פארהאן א טיפערע פשט פארוואס חוה האט געגעבן א נאמען פאר איר זון קין "**וַתֵּלֶד אֶת קַיִן** - און זי האט געבוירן דעם קין" "**ותאמר קניתי איש את ה'** איך האב איינגעקויפט א מענטש פאר השי"ת", חוה האט געזאגט, "השי"ת איך בין אזוי דאנקבאר צו דיר פארן מיר געבן א תפקיד אין לעבן - איך האב געקענט קונה זיין א מענטש פאר דיר אויף דער וועלט וואס וועט דיר דינען.

חוה האט געזאגט: "*קניתי*" איך האב קונה געווען א זאך פאר מיר; איך האב עפעס ארויסגענומען פון מיין לעבן." א פרוי וואס האט מער קינדער באקומט מער פון איר לעבן ווייל וואס קען זיין א גרעסערע דערגרייכונג ווי דורות, זין און טעכטער? ס'איז א געוואלדיגע פארמעגן.

אלזא, קניתי מיינט אמת'דיג, "איך האב ארויסבאקומען עפעס פון מיין לעבן," און ווען זי האט גערופן איר זון קין, האט זי געוואלט אז ער זאל טון דאס זעלביגע. דאס איז אין איינקלאנג מיט


לכבוד אלע טייערע לומדי תורת אביגדור אידיש שיחי'

מקרב הלב וויל מיר זיך באדאנקן פאר אלע חשובע מזכי הרבים וואס האבן גערופן און זיך משתתף געווען מיט נדבות צו קענען אנגיין בעבודת הקודש, בנוסף צו שטארקע דברי חיזוק פון אסאך אידן הנהנים מידי שבוע בשבוע.

**דאס טוט אונז ערמעגליכן אייך פארצולייגן תורת אביגדור לחודש תמוז**

**מיט א בקשה אויף ווייטער ביטע רופט צו מנדב זיין מיר זאלן קענען ממשיך זיין בהפצה לאור עולם די גליונות ל'חודש אב' הבעל"ט, לשם ולתפארת.**

מיט דאנק

משה הורוויץ

director@torasavigdor.org - 347-451-0332

דער נאמען - קין, זי האט דאס אינזין געהאט אלס א תפילה אז ער זאל זיין א מענטש וואס איז קונה, איינער וואס איז קונה זאכן; ער זאל ווערן פארנומען צו קונה זיין זאכן וואס וועט אים ברענגען הצלחה אויף דער וועלט אין אויף יענע וועלט.

## ברענג א תועלת פון דיין נאמען

און דו קענסט זיכער זיין אז ווען קין'ס מאמע האט אים געגעבן דער נאמען האט זי נישט געשפירט אז זי האט שוין יוצא געווען נאר בלויז דורך די צערעמאניע פון דעם. זי האט ערווארטעט אז קין זאל נעמען זיין הייליגע נאמען און זיך מעורר זיין ארויסצונעמען פון זיין לעבן דאס מערסטע וואס שייך צו מאכן פון זיך א לייט. און זי האט כסדר גערעדט צו אים איבער דעם. "קין, מיין זון; דו ווייסט פארוואס איך האב דיר געגעבן דעם נאמען ביים געבוירן ווערן ווייל איך וויל נישט אז דו זאלסט אמאל פארגעסן אז דיין נאמען קומט פון די ווארט 'קניתי' צו קונה זיין. איך וויל אז דו זאלסט זיין א הענדלער." און זי האט ערווארטעט אז ער זאל טראכטן דערפון יעדעס מאל וואס זיין נאמען איז גערופן געווארן, "קין, זיי מוחל גיי ארויס צום פעלד העלפן דעם טאטן אויסאקערן די ערד," זי האט אים איינגעמאלדן, "מיין זון, דו ביסט נישט דא נאר צו עקזיסטירן, קין - דו ביסט דא צו זיין א קונה, ארויסצובאקומען זאכן פון דיין לעבן!

## וואס צו איינהאנדלען

וואס פארא זאכן? דאס איז א גאנצע קאפיטל פאר זיך - עס פארלאנגט זיך אסאך שיעורים איבער דעם ענין. אבער זי האט געהאט אויף איר געדאנק א געוויסע גרויסע זאך וואס א מענטש איז מחויב צו קונה זיין. **קנה חכמה, קנה בינה** - קויף דיך איין קלוגשאפט און שכל פון הקב"ה (משלי ד,ז) צו איינהאנדלען גוטע מידות, גוטע געוואוינהייטן, גוטע מעשים, דאס איז וואס די ערשטע מאמע האט געוואלט פון איר בכור.

און דאס איז אונזער תפקיד אין לעבן. דער ערשטער מענטש וואס איז אמאל געבוירן געווארן איז געגעבן געווארן דעם הייליגען נאמען אונז צו לערנען דעם לימוד אז יעדער מענטש וואס ווערט געבוירן אויף דער וועלט איז דא צו קונה זיין! ארויסצובאקומען זאכן פון לעבן, תורה ומצוות, מידות טובות, אמונה, דעת. דאס איז וואס לעבן איז געמאכט געווארן; צו איינהאנדלען גרויסקייט וואס מען קען נאר דערגרייכן אויף דער וועלט.

מיר זענען נישט געקומען דא אויף דער וועלט נאר צו לעבן אונזער לעבן, צו האבן א געשמאקער עקזיסטענץ מיט אביסל כשר'ע אונטערהאלטונגען פון צייט צו צייט. ניין, נישט דאס איז דער ציל. די וועלט איז נאר א צוגרייטונג פאר דער קומענדיגער וועלט און מיר זענען דא צו זיין 'קין'ס', צו קונה זיין סחורה - עס זענען דא גענוג זאכן וואס מיר דארפן אויפטון ווילאנג מיר זענען דא, א גרויסע צאל זאכן.

## קנה און קנא

אבער דאס איז נישט דער סוף פון די מעשה, מיר וועלן דא געוואר ווערן אז קנה, ק', נ', ה', צו איינהאנדלען האט שייכות צו קנא, ק' נ' א', צו מקנא זיין. אויב דו פארשטייסט אביסל דיקדוק ווייסטו אז א ה' און אן א' קענען זיך מתחלף זיין - קומט אויס אז קנא און קנה זענען די זעלבע

ווארט. דעריבער, קנה, צו קונה זיין פון א שכן און קנא, צו מקנא זיין וואס דיין שכן האט זענען נאנט פארבינדן - און דאס איז דערפאר וואס א מענטש וועט זיין א קונה אויב ער איז מקנא א צווייטן.

און ווען חוה האט געגעבן איר זון דעם נאמען קין, א קונה, האט זי שוין געוואוסט דערפון. וועלכע דיקדוק מיר קענען האט זי געקענט טויזנט מאל מער פון דעם. זי האט מתפלל געווען אז איר זון זאל מקנא זיין אנדערע, אז ער זאל קיינמאל נישט זיין צופרידן מיט זיינע דערגרייכונגען; נאר ער זאל זען וואס אנדערע דערגרייכן אין זייער לעבן און זיי מקנא זיין אויף דעם. זי האט געוואלט אז ער זאל איבערשטייגן אויך זיין טאטע.

אין דאס איז וואס ער האט פרובירט צו טון. דו ווייסט אז דעם ערשטן קרבן וואס מען האט מקריב געווען איז געברענגט געווארן דורך אדם הראשון. חז"ל ברענגען (עבודה זרה ח.) אז ער האט מקריב געווען אן אקס, אן איין-הארנדיגער אקס. און דערפאר איז קין געגאנגען נאך ווייטער און געברענגט קרבנות; ווייל ער האט געלערנט פון זיין מאמע אז ער מוז מקנא זיין. דעריבער האט ער געוואלט נאכטון די גוטע זאכן וואס זיין טאטע האט געטון.

## דער גוטער אייגנשאפט פון קנאה

דאס איז די גוטע חלק פון קנאה מיט וואס מענטשן ווערן געבוירן. ס'איז נישטא קיין בשר ודם אויף דער וועלט וואס האט נישט קיין קנאה אין זיך. יעדער נארמאלער מענטש קען שפירן די קנאה וואס זידט אין הארצן און ס'איז זיכער אז השי"ת וויל דאס האבן. ער האט געוואלט אז מיר זאלן דערגרייכן זאכן דעריבער האט ער איינגעלייגט א געוויסע מאס קנאה אין מענטש; נאר דערפאר איז דא אזא מין זאך ווי קנאה.

פארשטייט זיך אז ווער עס האט נישט דורכגעטון דעם ענין ווייסט נישט פארוואס דאס איז געמאכט געווארן דעריבער ניצן זיי דאס נישט ריכטיג. ס'קאכט א קעסל, ס'איז טעטיג, זייער טעטיג אבער ס'איז טעטיג מיט אנדערע זאכן. איינער האט א בעסערע קאר ווי דיר, א רייכערע הויז, און נאך פארשידענע מינדערוויכטיגע זאכן און דו ביסט מקנא. ס'איז א שאד פאר די גוטע ענערגיע וואס ווערט פארשווענדעט - נישט פארדעם איז דאס געמאכט געווארן. דו נעמט א העכסט גוטער אייגנשאפט און דו פארשווענדעסט דאס אויף גארנישט.

## סכנה'דיגע געפילן פון קנאה

ס'איז נישט נאר א פארשווענדעניש נאר ס'איז א סכנה. ווי ס'שטייט אין איוב: "**וּפֹתֶה תָּמִית קִנְאָה** (איוב ה, ב) א נאר וועט שטארבן פון קנאה" דו ווייסט פארוואס מענטשן זענען געשטארבן פאר קנאה? א מענטש גייט אין שפיטאל מיט יסורים און ער ווערט דיאגנאזירט מיט די ביטערע מחלה, פאר קיינעם געדאכט.

ווי האט זיך עס אנגעהויבן? ער האט זיך אויפגעגעסן מיט קנאה איבער זאכן וואס מאכן נישט אויס. זאכן וואס זענען נישט אין אונזערע הענט און מיט דעם האט ער גורם געווען יענע מחלה. אסאך מענטשן באקומען קרענקן צוליב קנאה. "**וּרְקַב עֲצָמוֹת קִנְאָה** (משלי יד, ל) קנאה איז א פארפוילטקייט אין די ביינער", נישט נאר וואס דו פארלירסט וואג נאר דו פארלירסט דיין פעטענס פון קנאה - סאיז אפילו גורם דיינע ביינער צו פארוועקלט ווערן.

## וויכטיגע געפילן פון קנאה

ווי קען זיין אז דער אויבערשטער זאל באשאפן אזא מעכטיגע וואפן וואס קען אזוי גרינג שעדיגן א מענטשנ'ס לעבן? דער ענטפער איז אז דאס איז זייער נויטווענדיג! כדי א מענטש זאל נישט זיין צופרידן מיט זיך; ער זאל נישט זיין זאט מיט וואס ער האט שוין איינגעהאנדלט מוז ער האבן א געוויסע דראנג וואס זאל אים טרייבן צו קונה זיין נאך שאיפות, גוטע נטיות, גוטע מעשים פון זיינע שכנים.

קנאה מיינט אויב דו זעסט ווי איינער שטייט און דאווענט א 'גוטער' שמונה עשרה זאגסטו: "דאס איז עפעס וואס איך חלש צו דערגרייכן! איך וועל זיך משתדל זיין צו טון דאס זעלביגע!" אויב דו זעסט ווי איינער איז קונה תורה אדער גוטע מידות, ער האט זיך אויפגעבויט א שיינע שלום בית און דו ביסט מקנא, ניצטו די פונקציע פון קנאה ווי דער אויבערשטער האט דאס מכוון געווען. קנאת סופרים תרבה חכמה קנאה פון סופרים פארמערט חכמה (בבא בתרא כ"א.)

# חלק ג'. שכנים לערנערס

## גוטס און שלעכטס

אלזא קומען מיר צוריק צום אנהייב פונעם שיעור. עמון און מואב זענען אנגערופן געווארן שכני הרעים, אונזערע שלעכטע שכנים, נישט נאר ווייל זיי האבן אונז געפייניגט נאר ווייל זענען געווען שכנים פון וואונדערבארע מענטשן, די עם ישראל - און זיי האבן נישט אויסגעניצט דער געלעגענהייט צו מקנא זיין און זוכן וועגן ווי זיי נאכצוטון.

און מיר לערנען דא אז יעדער פון אונז זענען גוטע שכנים אדער חלילה דאס פארקערטע. מיר האבן דא נעבן אונז אן אפארטמענט הויז; זיי זענען פיינע מענטשן, אידן. זיי גייען פארביי, געציילטע וועלן אונז קאמפלימענטירן ווי שיין אונזער בנין קוקט אויס, אבער נישט דאס מיינט גוטע שכנים. זיי קומען נישט דא אריין מיטצוהאלטן א שיעור; זיי זענען נישט מקנא די פארשריט וואס מיר מאכן.

מענטשן אין זייער בלינדקייט וועלן איגנארירן א צווייטן; זיי מיינען אז קיינער האט נישט בכלל עפעס וואס איז ווערד נאכצוטון. יעדער גייט זיך ווייטער זיין אייגענער וועג.

אבער מיר לערנען דא אז איינע פון די סיבות פארוואס מיר זענען דא אויף דער וועלט מיט נאך מענטשן ווייל זיי האבן עפעס אונז צו לערנען. דאס איז דער וועג ווי צו אנקוקן אונזערע שכנים און באקאנטע; צו האבן פאר די אויגן ביישפילן פון גוטע מידות. ווען אימער דו זעסט איינער האט סיי וועלכע גוטע זאך זאלסטו אים מקנא זיין און פרובירן אים נאכצוטון. זארג נישט, זיי וועלן גארנישט דערלייגן דערפון.

## יעדער האט מידות טובות

געוויסע מענטשן טויגן צו נאכמאכן אנדערע, נאר דאס זענען אלע שלעכטע זאכן וואס זייער אויג כאפט אויף ארום זייער סביבה. דא איז א מענטש וואס זאגט, "אין די אין די שטיבל - איך וויל נישט זאגן קיין נאמען - זיי דאווענען שנעל." אדער זיי דאווענען שפעט, נאך זמן קריאת

שמע. יענע שטיבל איז באוואסט פאר דאס און דאס און ער וועט מקבל זיין דעם שטעלונג. אלזא, גייט ער ארום קונה זיין "גוטע" אייגנשאפטן פון יעדן איינעם און צום סוף ווערט ער א מענטש פון שטעלונגען! צוביסליך נעמט ער צאם א הויפן שלעכטע פירונגען ביז ער ווערט א מוזעאם פון אומגעווינטשענע אייגנשאפטן.

אוי ניין, דאס איז די פארקערטע פון א גוטער שכן. א גוטער שכן איז פארזיכטיג מיט וואס ער קלויבט זיך נאכצומאכן. און די ביישפילן זענען אן א סוף ווייל יעדער האט געוויסע גוטע מידות אויב דו באטראכסט יעדן מענטש קענסטו טרעפן כאטש איין זאך וואס דו קענסט 'קידנעפן' פאר דיר. ווי קען זיין אז א מענטש קען אריינקומען און שול, זען ווי איינער הארעוועט אין תורה אן צו שפירן די מינדעסטע דראנג אים נאכצומאכן און איבערשטייגן? האבן זיי דען נישט די נאטורליכע אינסטינקט פון קנאה אויף זייער ארומיגע?

דא איז איינער וואס שטייט אויף פארטאגס און קומט און שול פארן דאווענען צום שיעור. א צווייטער בלייבט אין שול לענגער נאך מעריב ווען יעדער האט שוין פארלאזט דעם שול. דער וואס קומט פארטאגס וועט מעגליך אהיימגיין פריער און דער וואס קומט שפעט וועט בלייבן לענגער און אויב דו ווייסט וואס מיינט קנאה ועסטו קונה זיין פוןביידע זייער גוטע אייגנשאפטן.

דו קענסט נישט טון ביידע? אקעי, אבער כאטשיג איינע פון זיי זאלסטו קונה זיין. דעריבער דארף יעדער ווערן טעטיג מיט קנאה. ווען דו ביסט אין ביהמ"ד און דו זעסט ווי איינער שטייט לאנג שמונה עשרה - אפילו ער איז א בחור, זאלסטו זאגן, "איך וויל אויך!" א שכן, עטליכע גאסן אוועק דאווענט מיט התלהבות; ער האט הנאה צו דאווענען; ביסטו מחליט אז דו וועסט דאס קונה זיין. דו ביסט אים מקנא! זייער גוט! אזוי דארף צו זיין. מאך אים נאך, לערן ווי מען לייגט צו קאפ צום דאווענען.

דו זעסט אינגעלייט פארשטייען די גמרא? זיי נישט צופרידן פון דיר נאר טראכט: "איך מוז אויך קענען גמרא! פארוואס זאל איך נישט ענדיגן מסכתות און מאכן סיומים פונקט ווי אים?"

## אריבערברענגען די ישיבה

ווייסט וואס דאס מיינט צו האבן די מירער ישיבה אלס א שכן? ס'איז א ברכה! מיר קענען נישט גענוג דאנקען השי"ת פארן האבן די ישיבה אלס אונזער שכן. אבער פאר געוויסע מענטשן אין פלעטבוש איז עס א גרויסער פראבלעם. דו מיינסט אז דאס איז א טובה פאר יעדן? אוי ניין, פאר שלעכטע שכנים איז עס בכלל נישט קיין טובה. ביז פאר נישט לאנג צוריק איז פלעטבוש געווען א וויסטעניש; ס'איז געווען איין גרויסער מדבר! ס'איז גארנישט געווען דא, פוסט און וויסט; א רוחניות'דיגע וויסטעניש וואו מענטש האבן ארומגעוואנדערט ווי ווילדע באשעפענישן. און דו האסט נישט געקענט האבן קיין טענות אויף זיי. וואס ערווארטסטו פון זיי?

און יעצט האבן מיר ב"ה א א קול תורה אין דער געגנט, אבער זאכן זענען שוין נישט אזוי גוט פאר זיי ווייל יעצט זענען זיי מחויב צו זיין א גוטער שכן! בדרך אגב, יעצט פארשטייסטו שוין פארוואס דער מירער ישיבה האט געדארפט ארויסוואנדערן קיין פלעטבוש.

דער מירער ישיבה איז געווען אין מיר, א קליינער שטעטל אין פוילן, זיי האבן געהאט זייער פיל שכנים. ווילאנג השי"ת האט געזען אז זיי האבן גוטע שכנים וואס ווייסן צו שעצן די ישיבה

דורך שיקן תלמידים צו לערנען דארט און צוריקברענגען תורה צו זייער היים-שטאט זענען זיי ווערד געווען צו האבן די ישיבה. אבער ווען השי"ת האט געזען אז די שטעט אין פוילן און ליטע שיקן אלץ ווייניגער און ווייניגער זייער בחורים אין ישיבה האט ער געזאגט: "דו ווערסט שלעכטע שכנים? איך האב א בעסערע פלאץ פאר דער ישיבה, פלעטבוש ברויך א ישיבה אין זייער געגענט!"

יעצט האבן מיר א גרויסער אחריות אויף אונזער פלייצעס. פארוואס ווערן מיר נישט פון דעם בעסער? דאס מיינט אז יעדער פון אונז מוז ווערן טעטיג צו מקנא זיין די מירער ישיבה. נאר די אינגע בחורים דארפן לערנען בהתמדה?! פארוואס זאלן מיר נישט לערנען אזוי ווי זיי?!

## בויען ישיבות

א גוטער שכן קלערט צו זיך, "אויב זיי קענען זיצן און לערנען קען איך אויך. אפשר קען איך נישט יעדן טאג, איך בין נישט אויף די מדריגה אבער כאטש וועל איך אריינקומען אין דעם לאנגן פרייטאג צונאכטס און שבת אינדערפרי."

דו קענסט נישט קומען צום ישיבה? דעמאלט קום זיך צוזאם מיט אפאר חברים און מאכטס ענק אליינס א מירער ישיבה אין דיין געגענט.

אויב דו ווילסט זיין א גוטער שכן אין די אויגן פון השי"ת וועסטו דאס נאכמאכן וויפיל דו קענסט נאר. אין די לאנגע מוצאי שבת, אנשטאט צו פארשווענדן דיין לעבן צו באזוכן פעטער שמערל אין קראון הייטס, וועל איך זיין ווי דער ישיבה בחור וואס פארברענגט זיין מוצאי שבת אין בית המדרש. איך וויל אויך זיין דער גדול בתורה." דו וועסט איבערראשט ווערן, אפילו דו הייבסט אן שפעטער אין לעבן קענסטו נאך ווערן דער גרויסער תלמיד חכם אין דיין ליידיגע צייט.

## חסידים און חסידות

און די שכנים וואס מיר קענען נעמען אלס א ביישפיל איז זייער פיל, אויב דו וועסט נאר עפענען דיינע אויגן ברייט. טייל מענטשן ווען טרעפן א שכן א חסיד. איך מיין נישט א חסיד אין צוגלייך צו א מתנגד; א חסיד מיינט אן עובד השם. אפשר איז ער מצליח צו פארשטיין אמונה, ווערן א בעל דעת; דו זעסט ווי ער לייגט צו הארץ צו טראכטן פון הקדוש ברוך הוא אין ליכט פון חובת הלבבות. אן אנדערע שכן האט גוטע מידות און דרך ארץ. א צווייטער היט זיין צינג, ער ציילט זיינע ווערטער. ער גיבט אבאכט נישט צו בארעדן אנדערע. אוה, דאס איז וואס איך וויל זיין! לערן דיך אפ פון אים.

נעם א ביישפיל פון א פרוי וואס שטייט אויף די פיס א גאנצן טאג. זי גרייט צו עסן מיט געטריישאפט און גיבט זיך אפ מיט די ווערטשאפט. דאס איז א לימוד פאר יעדן זיך אפצולערנען ווי מען איז געטריי צו דער משפחה, צו טראכטן פון אנדערע א גאצן טאג. די פרויען זענען ווערד צו ווערן געפירט מיט גרויס פאראדע. מען דארף אנערקענען און שטענדיג וויסן זייער מסירת נפש. טייל פרויען טראכטן פון די שבת לימודים ווען זיי קאכן מאכלי שבת. זי שטייט איבער די טעפ ווי דער כהן גדול אין קדשי קדשים. פארוואס זאל נישט יעדע פרוי דאס נאכמאכן? אוודאי קענסטו!

דא איז א מאן וואס איז א בעל צדקה, א גבאי צדקה. ווען אימער דו באגעגנסט אים, קוק אים נישט אן פון אויבן אראפ ווי עפעס א נאר. נאר ענדערש טראכט, "איך וויל דאס אויך דערגרייכן!" ס'דא א פרוי דא אין געגענט וואס איז שטענדיג פארנומען צו העלפן ארימעלייט. כ'האב געהערט פון איר, זי שיקט כסדר פעקלעך פאר די נויטבאדערפטיגע. זי נעמט צוזאם קליידונג און העלפט ארויס משפחות. זי העלפט ארימע מיידלעך חתונה האבן. זי טוט א געוואלד מיט גוטע זאכן. ווי קענען מיר וואוינען גלייך נעבן איר און איר נישט ניצן אלס א ביישפיל.

## כולל שכנים

צומאל קען מען זען א פארפאלק, יארן נאך זייער חתונה און דער מאן לערנט נאך אין כולל. זיי באגניגענען זיך מיט גארנישט. זיי וואוינען אין א פיצקעלע דירה אין איינע פון די ערגסטע בנינים. זי ארבעט יעדן טאג אפגעזען וואס זי האט א שטוב מיט פיצלעך קינדער. די תמימות'דיגע לעבן א לעבן פון תורה! ווי קען זיין אז מענטשן זענען זיי נישט מקנא? אנשטאט אראפצוקוקן אויף זיי דארף מען ארויפקוקן אויף זיי מיט חשיבות.

זאלסט מקנא זיין די צאל קינדער וואס זיי האבן. דאס איז א געוואלדיגע זאך צו מקנא זיין. קינדער! א משפחה מיט אסאך קינדער! יעדער דארף שפירן, "הלוואי קען איך דאס אויך האבן!" דערמאן זיך **וַתְּקַנֵּא רָחֵל בַּאֲחֹתָהּ**, רחל האט מקנא געווען איר שוועסטער (בראשית ל, א) מיר קענען זיך נישט פארשטעלן ווי טיף איר קנאה איז געווען ווען זי האט געזען ווי איר שוועסטער האט אזא פארמעגן און זי איז אזוי הינטערשטעליג.

רחל האט פארשטאנען וואס דאס מיינט צו האבן א קינד. זי האט גע'ירש'נט די מסורה פון פריער, '**קניתי איש את ה**'' זי האט אויך געוואלט קונה זיין די זאכן אויף דער וועלט. זי האט פארמערט מיט נאך תפילה - זי האט אויסגעגאסן איר הארץ מיט תפילה און ענדליך, צוליב דעם וואס זי האט געוואלט האבן ווי איר שכן האט דער אויבערשטער איר געגעבן א געלעגנהייט זיך משתתף צו זיין.

## אונזער נסיון

דאס איז די געוואלדיגע לימוד וואס מיר לערנען דא. יעדער פון אונז דארף ווערן טעטיג צו מקנא זיין און קונה זיין גוטע מעשים אלע טעג פון אונזער לעבן. דאס איז דער לימוד פון אויסגערעכנטע גיאגראפיע וואס מיר האבן דא ארומגערעדט - איינע פון די סיבות פארוואס השי"ת האט באזעצט ארום אונז שכנים און באקאנטע איז אז מיר זאלן זיין גוטע שכנים דורך זיך אפלערנען פון זייער גוטע מעשים. אלע גוטע אייגנשאפטן וואס מענטשן האבן אין זיך איז א ביישפיל נאכצומאכן. דערפאר זענען מיר געשטעלט געווארן צוזאמען מיט זיי זיך צו קענען אפלערנען איינער פון צווייטן.

דאס איז איינע פון די וויכטיגע לימודים וואס די חכמים לערנען ארויס פון די סדרה; השי"ת האט באזעצט די פעלקער ארום די גרעניצן פון ארץ כנען זיי צו לייגן אין א נסיון - וועלן זיי זיין גוטע שכנים אדער נישט? און דער וויכטיגסטער לימוד איז פאר אונז, וועלן מיר זיין גוטע שכנים און נאכמאכן די גוטע מעשים פון אונזער ארומיגע?

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**א איד ברויך שטענדיג זיין פריינטליך און גוטמוטיג, אבער ווי אזוי קען ער וויסן אז ער איז נישט געגאנגען צו ווייט מיט הומאר, צו ווערן א לץ?**

### תשובה:

דער ענטפער איז, פארגעס פון הומאר. איך האב קיינמאל נישט געזאגט אז ענק זאלן האבן הומאר! דער אויסדרוק, "א חוש צו הומאר" איז אן אמעריקאנער אויסטערעף. דו וועסט עס נישט טרעפן אין ערגעץ ביי דברי תורה.

אן ערליכער איד דארף זיין מלא שמחה ווייל ער פארשטייט ווי גוט השי"ת איז צו אים. יעדער דארף זיין מלא שמחה ווען ער פארשטייט אז כל עצמותי תאמרנה - מיין גאנצע וועזן זאגט צו השי"ת, "מי כמוך, ווער איז אזוי ווי דיר." דו ביסט אזוי פרייליך אז דו האסט א הארץ, האסט לונגען, האסט נירן, דו האסט אלעס און יעדע זאך באזונדער זינגט צו השי"ת. דאס איז פשט אז ער איז מלא שמחה.

און מיט אזא מענטש איז גרינג זיך דורכצוקומען. אבער איינער וואס איז בעצבות, ער איז טרויעריג, ער איז שטענדיג באזארגט, ער מיינט אז ער דארף האבן מער ווי ער האט, ער איז אויפגערעגט ווייל ער האט נישט מצליח געווען צו ערלייכן מער געלט אדער מער כבוד, איז זייער שווער זיך דורכצוקומען מיט אים.

און דעריבער דארפסטו נישט האבן א חוש צו הומאר צו מצליח זיין און לעבן און זיין באליבט ביי אנדערע. אלעס וואס דו ברויכסט האבן איז א חוש צו שכל... און זיין א שמח בחלקו, אזא סארט שכל. מיט אזא מענטש איז אסאך גרינגער זיך אדורכצוקומען.